# <u>פֿאַרשטעלן די מעשׂה אויב נישט נאָך העכער</u>

## 5 ראָלעס : נאַראַטאָר / רבי / ליטוואַק / עולם / אָרעמע פֿרוי

**נאַראַטאָר:** פֿאַר סליחות-צײַט פֿלעגט דער נעמיראָווער רבי פֿאַרשווינדען. מען פֿלעגט אים נישט זען אין שול, אין בית-מדרש, בײַ אַ מנין און אין דער היים.

**עולם:** ווּ קען זײַן דער רבי? מן הסתּם אין הימל! ייִדן דאַרפֿן פּרנסה, שלום, און געזונט. ווער זאָל העלפֿן אַז נישט דער רבי?

**ליטוואַק:** [*ער לאַכט*] אַפֿילו משה רבינו איז נישט בײַם לעבן געווען אין הימל!

**נאַראַטאָר:** בײַ נאַכט גנבֿעט זיך דער ליטוואַק צום רבין אין חדר און ליגט אונטערן רבינס בעט. ער הערט אים אַ גאַנצע שעה קרעכצן.

**רבי:** [*ער קרעכצט*]

**נאַראַטאָר:** דער רבי ליגט אויפֿן בעט, דער ליטוואַק אונטערן בעט. דער ליטוואַק ציטערט ווי אַ פֿיש אין וואַסער. אין דער פֿרי טוט דער רבי זיך אָן אין פּויערישע קליידער. ער נעמט אַ שטריק אין קעשענע און האַנגט אַ האַק אין זײַן פּאַס.

**ליטוואַק:** ווּהין גייט דער רבי? דורך די טונקעלע גאַסן? אין אַ וועלדל? וואָס טוט ער? ער האַקט אָפּ אַ ביימל און מאַכט אַ בינטל האָלץ!

**נאַראַטאָר:** דער רבי קומט צו אַן אָרעם הײַזל און קלאַפּט.

**אָרעמע פֿרוי:** ווער איז?

**רבי:** וואַסיל.

**אָרעמע פֿרוי:** וואָס ווילסטו?

**רבי:** איך האָב האָלץ צו פֿאַרקויפֿן.

**אָרעמע פֿרוי:** מיט וואָס זאָל איך קויפֿן? ווּ האָב איך געלט?

**רבי:** דו האָסט אַ שטאַרקן, גרויסן גאָט און דו האָסט אין אים קיין בטחון נישט !

**נאַראַטאָר:** דער רבי האָט געמאַכט אַ פֿײַער פֿאַר דער אָרעמער פֿרוי.

**עולם:** ווּ קען זײַן דער רבי? מן הסתּם אין הימל!

**ליטוואַק:** אויב נישט נאָך העכער!